# עולת שבת בשבתו

כתה ט' מכינה לישיבה בת"ת תו"י דרב"י קרית יואל יצ"ו בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

בעזהשי"ת | שבועות | שנת תשע"א לפ"ק


## מילי דהסידא

**כל הימים טובים מרומזין בחג השבועות:** כל הימים טובים צריכין להיות להם רמז בחג השבועות שהוא זמן מתן תורה ובתורה כלול כל הימים טובים וא"כ בעת נתינתה מההכרח שיכלול כל הימים טובים בו.

**וראש השנה** מרומז בו **וקול שופר חזק מאוד** במתן תורה ובר"ה ג"כ שופר. **וסוכות** מרומז דישיבת סוכה **תחות גדפי שכינתו וכן במ"ת.** וגם א"א להחזיק **שבועות** רק אחר ספירות ז' שבועות כמאמר בזוה"ק דהכוונה הוא על ז' ימי הבנין, וענין **נטילת לולב** ג"כ כוונה זו. **ופסח** ג"כ כוונה א' עם **שבועות** כמבואר בדברי האריז"ל **דשבועות הוא יום ח' של פסח** כמו **שמיני עצרת** מסוכות.

אמנם ענין יום **כיפור** צריך לדעת האיך מרומז בו אפס חז"ל אמרו בגמרא (ירו' בכורים פ"ג ה"ג) **בג'** דמוחלין עונותיהם ואחד מהם הוא **חתן**, וכיון דמוחלין לחתן וודאי מוחלין ג"כ לכלה, דמאי בינייהו תרווייהו נשואים זה לזה. וחז"ל אמרו (תענית פ"ד מ"ח) ביום **חתונתו זה מתן תורה**, נמצא כיון דהי' נשואין בשבועות ואנו הכלה נמחל לנו עונותינו א"כ זהו רומז ליום הכפורים בשבועות, דביוה"כ מוחלין עונות ג"כ (קדושת לוי)

*

עס שטייט אין מדרש (פר' יתרו) **בשעה שעלה משה למרום בקשו מלאכי השרת לפגוע בו, צר הקב"ה קלסתר פניו של משה דומה לאברהם אמר להם אי אתם מתביישין ממנו, לא זהו שירדתם לתוך ביתו ואכלתם אצלו וצ"ב.**

זאגט דער **ישמח ישראל** פשט אין דעם מדרש וואס דער אייבערשטער האט גענטפערט פאר די מלאכים, אז ער קען זיי נישט געבן די תורה נאר פאר די אידן, ווייל די תורה קען מען נאר געבן פאר די וואס האבן אײדעלע ערליכע גוטע מידות, און מידות טובות דאס האבן נאר די אידן און נישט די מלאכים.

פון וואו זע איך דאס? ווייל ווען די מלאכים זענען אראפגעקומען צו אברהם אבינו ע"ה האט ער זיי אויפגענומען מיטן גרעסטן כבוד, ער האט זיי געגעבן צו עסן און טרינקען מיטן שענסטן הכנסת אורחים בסבר פנים יפות און מיט א שמחה וואס גיט א גוטן געפיל פארן גאסט, און יעצט אז עס קומט ארויף א מענטש אין הימל, זענט עטס מקנא און עטס ווילט אים פוגע זיין, דאס ווייזט אז עטס האטס נישט קיין מידות טובות, ממילא קומט נישט אז מ'זאל ענק געבן די תורה ווייל אן מידות טובות האט מען נישט קיין שייכות מיט די תורה.

## מעשה רב

### מנהג ישראל תורה היא

**דער הייליגער רבי ר' מאיר'ל פרעמישלאנער זי"ע האט צוליב זיין געזונט צושטאנד נישט געמעגט עסן צופיל קרעפלעך, און עס האט אים זייער וויי געטון אז ער קען נישט מקיים זיין דעם מנהג ישראל צו עסן קרעפלעך שבועות.**

**האט ער געשיקט א שליחות צום הייליגער רוזשינער זי"ע אז ער האט מקבל געווען פון זיין טאטע הרה"ק רבי ארון לייב זי"ע אז ווער עס עסט נישט שבועות קרעפליך אנגעפילט מיט גבינה, איז א סימן אז זיינע עלטערן זענען נישט געווען ביי מעמד הר סיני, און ער איז נישט געזונד, און צו עסן נאר איינס איז זייער ווייניג, און צו עסן צוויי איז זוגות, און צו עסן דריי איז צופיל, וואס זאל ער טון?**

**האט דער הייליגער רוזשינער זי"ע געענטפערט ער זאל מאכן איין גרויסע קרעפיל אזוי ווי דריי קליינע, און ער זאל עסן נאר העלפט, אזוי איז עס נישט קיין סאך, און אויך נישט ווייניג, און אויך נישט קיין זוגות. ומי יבא בסוד ה' ליראיו.**

◈

### ואל ידבר עמנו אלקים פן נמות

**דער הייליגער רבי משה קאברינער זי"ע האט זייער פארפירט שבועות ביים טיש, וויאזוי ס'קען זיין אז זיי האבן נישט געוואלט אז הקב"ה**

זאל רעדן צו זיי וויל זיי האבן מורא געהאט אז זיי וועלן שטארבן, אדרבה אויף דעם דארף דאך איד משתוקק זיין אויסצוגיין פארן אייבערשטן? און ער איז צוזאם געפאלן אז מען האט אים געמוזט אריין טראגן אין זיין חדר מיוחד.

ווען ער איז צוריק אריין געקומען אין ביהמ"ד האט ער פארענטפערט די קשיא אז עס איז דא מלאכים און שרפים וואס זענען אויף די מדריגה אז זיי גייען אויס ווען זיי זינגען שירה, און פון זייער שווייס ווערט א טייך דער נהר דינור וואס עס איז א שטיק פייער, און טראצדעם וואס דער אייבערשטער האט אזעלכע געטרייע עבדים, האט ער באשאפן די מענטשן אויף די וועלט, וויל זיין עיקר רצון איז אז די מענטשען אויף דעם עולם השפל זאלן אים דינען.

וועגן דעם האבן די אידן מורא געהאט "פן נמות", וויל זיי האבן געוואלט עס זאל נתמלא ווערן דער רצון ד' אז מיר זאלן אים דינען אויף דעם עולם השפל, וויל מלאכים און שרפים האט ער גענוג אויף יענע וועלט.

◈

### עלית למרום שבית שבי

הרה"ק רבי אברהם יעקב מסאדיגורא זי"ע האט נאכגעזאגט בשם זיין טאטן דער הייליגער ריזשינער זי"ע "וואס פארא פנים וואלט איך ווען געהאט ווען איך הייס ווען פייוויש..."

האט ער ערקלערט זיינע הייליגער ווערטער אזוי: וויל ווען אדם הראשון האט געזינדיגט איז אויף אים נגזר געווארן מיתה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "כי ביום אכלך ממנו מות תמות", און ווען ער האט תשובה געטון האט אים דער אייבערשטער אויסגעצויגן דעם "יום" אויף טויזענט יאר, יומו של הקב"ה.

אבער דער ס"מ האט שטארק מקטרג געווען דערויף, און כדי אים איבערצובעטן האט אים דער אייבערשטער געגעבן פיר הייליגע נשמות וואס ער האט געהאט אין זיין רשות, און ער האט געהאלטן

# דרש דרש

די גמרא (שבת פ"ח) דערציילט אז עס איז געווען א צדוקי וואס האט געזעהן ווי רבא איז פארטיפט אין לערנען, און ער דרוקט מיט זיין פיס אויף די פינגער, און ער האט נישט באמערקט אז עס רינט בלוט, האט ער געזאגט **"עמא פזיזא אתון דקדמיתו פומייכו לאודניכו"**, איר זענט א איילנדיג פאלק, וואס אייער מויל איז פריער פון די אויערן, וויל איר האט קודם געזאגט **"נעשה"**, און נאכדעם **"נשמע"**.

דארף מען פארשטיין פארוואס האט דער צדוקי עס געזאגט פונקט ווען עס איז גערינען פון אים בלוט?

ענטפערט דער **קול ארי' זי"ע** מיט די קשיא פון די **מפרשים**, פארוואס האט אברהם אבינו זיך נישט געמל'ט נאך איידער דער אייבערשטער האט אים געהייסן, ער האט דאך מקיים געווען די גאנצע תורה פאר ווען עס איז געגעבן געווארן?

נאר מען ענטפערט צווי תירוצים א) וויל די גמרא (קידושין ל"א) זאגט **גדול המצווה ועושה יותר ממי שאינו מצווה ועושה**, און וויבאלד די מצוה פון מילה קען מען מקיים זיין נאר איינמאל אין לעבן, האט ער געווארט ער זאל זיין א מצווה ועושה. ב) וויל ער האט געלערנט אזוי ווי דער מ"ד (בבא קמא דף צ"א ע"ב) אז א מענטש טאר נישט מאכן א חבלה אין זיין גוף, האט ער זיך נישט געמעגט מל'ן נאר ווען דער אייבערשטער האט אים געהייסן.

די **מפרשים** ברענגען א טעם פארוואס די אידן האבן מקדים געווען **נעשה פאר נשמע**, כדי צו זיין אין א בחינה פון אינו מצווה ועושה, און אויב עס איז נעשה פאר נשמע זענען זיי אין א בחינה פון אינו מצווה ועושה.

לויט דעם איז שוין פארענטפערט פארוואס דער צדוקי האט פונקט דעמאלטס געפרעגט, וויל ווען ער האט געזען ווי עס האט גערינען בלוט פון די פינגער פון רבא, מוז דאך על כרחך זיין אזוי ווי דער מ"ד אז מען מעג יא מאכן א חבלה אין גוף, אויב אזוי קען נישט זיין די תירוץ פארוואס אברהם אבינו האט זיך נישט געמל'ט פאר דער אייבערשטער האט אים געהייסן וויל מען טאר נישט מאכן א חבלה אין גוף, נאר מען מוז ענטפערן די אנדערע תירוץ וויל **גדול המצווה ועושה**, אויב אזוי האט ער געפרעגט פארוואס האט מען מקדים געווען **נעשה פאר נשמע** וויל עס קען דאך נישט זיין וואס די מפרשים זאגן כדי צו זיין א אינו מצוה ועושה, וויל מצווה ועושה איז דאך שטארקער.

*

די גמרא זאגט (שבת פ"ז) **אמר רבי יהושע בן לוי, כל דיבור ודיבור שיצא מפי הקב"ה, יצאה נשמתן של ישראל. ומקשה הגמרא מאחר שמדיבור ראשון יצאה נשמתן דיבור שני איך קבלו, ומתרץ הוריד טל שעתיד להחיות בו מתים והחיה אותם.** לכאורה איז שווער פונקט ווי דער אייבערשטער האט זיי מחיה מתים געווען, האט ער געקענט מאכן זיי זאלן אויסהאלטן דעם קול און זייערע נשמות זאלן נישט ארויסגיין?

זאגט **רבינו הק' בעל דברי יואל זי"ע** אז דער אייבערשטער האט מיט דעם געוואלט ווייזן אז די תורה קומט זיך פאר די אידן און נישט פאר די מלאכים.

וויל דער **בני יששכר** ברענגט אז די טענה פון די מלאכים מ'זאל זיי געבן די תורה איז געווען מכח די טענה פון **דינא דבר מצרא**, אז ווען איינער פארקויפט א פעלד

וכדו' האבן די שכנים א דין קדימה, אז זיי זאלן פריער קענען קויפן דעם פעלד, און וויבאלד די מלאכים זענען שכנים פון כביכול אין הימל, קומען זיי פריער ווי די אידן.

אבער דער אייבערשטער האט עס יא געגעבן פאר די אידן ווייל זיי זענען **בנים למקום**, און די דין איז אז ווען א טאטע וועט געבן זיין פעלד וכדו' פאר זיינע קינדער איז נישט דא קיין דינא דבר מצרא.

דער **חיד"א** פרעגט וויאזוי איז דער אייבערשטער **מחיה מתים**, ער אז דאך א כהן (אזוי ווי עס שטייט ויקחו לי תרומה) און א כהן טאר זיך נישט מטמא זיין צו א מת? ענטפערט ער אז די אידן זענען **בנים למקום**, און א טאטע מעג זיך מטמא זיין צו זיינע קינדער אפילו ער איז א כהן.

זאגט דער **רבי זי"ע** אז טאקע מה"ט האט אויסגעפעלט אז די אידן זאלן שטארבן ביי מתן תורה, און דער אייבערשטער האט זיי מחיה מתים געווען, ווייל ער האט געוואלט פארענטפערן פארוואס ער האט נישט געגעבן די תורה פאר די מלאכים, כאטש זיי האבן די טענה פון **בר מצרא**, האט ער זיי מחיה מתים געווען, צו ווייזען אז זיי זענען **בנים למקום**, און עס איז נישט דא קיין דינא דבר מצרא.

*

עס שטייט אין מדרש: **כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה אינם אוכלים אלא בשביל שכר האמונה**, לכאורה דארף מען פארשטיין, פארוואס לעבן אידן נאר אין זכות פון אמונה.

זאגט דער **רבי ר' העשיל זי"ע** אין חנוכת התורה, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין דעם טעם פארוואס **שכר מצוה בהאי עלמא ליכא**, עס שטייט דאך א מצוה אין די תורה פון **ביומו תתן שכרו**, און דער רבש"ע האלט דאך אויך די מצות פון די תורה?

נאר מ'דארף זאגן לויט ווי די הלכה איז אז אויב א בעה"ב האט געשיקט א שליח אז ער זאל דינגען פאר אים ארבעטער, איז מען נישט עובר אויף בל תלין, ווייל דער בעה"ב קען זאגן איך האב דיך נישט געדינגען, און דער שליח קען זאגן דו האסט נישט געארבעט פאר מיר.

די תורה איז דאך געגעבן געווארן פאר אידן דורך משרע"ה, ממילא איז כביכול נישט עובר אויף בל תלין, אבער די ערשטע צוויי דברות פון אנכי ולא יהיה לך זענען דאך יא געגעבן געווארן דורכן רבש"ע אליין, דארט איז כביכול יא עובר אויף בל תלין.

דאס זאגט דער מדרש **כל מה שישראל אוכלים בעולם הזה הוא מכח שכר אמונה**, ווייל די ערשטע צוויי דברות זענען דאך אמונה, און פאר דעם איז דא שכר מצוה אויף די וועלט, ווייל דער רבש"ע האט דאס אליין געגעבן?

*

**ויבא בועז אל הקוצרים ויאמר אליהם ה' עמכם ויאמרו אליו יברכך ה':**

טייטשט **הגאון רבי יהודא אסאד זצ"ל** פשט אין דעם פסוק, ווייל לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס האט בועז געזאגט **"ה' עמכם"**, קודם דעם 'שם', און זיי האבן געענטפערט '**יברכך ה'**', דעם שם צום סוף.

ווייל די גמרא זאגט אין מס' נדרים (דף י' ע"ב) אז א מענטש זאל נישט זאגן ביים מקדיש זיין א קרבן לה' עולה, ווייל אפשר וועט ער פלוצלונג שטארבן נאכן זאגן דעם אייבערשטנס נאמען, פארן זאגן 'עולה' וועט אויסקומען אז ער האט געזאגט דעם שם שמים לבטלה.

**די נשמות ביי זיך ביז ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען אין הימל נעמען די תורה וואס דעמאלטס האבן אלע מלאכים געגעבן מתנות פאר משה רבינו, און דער ס"מ האט דעמאלטס געגעבן די פיר נשמות פאר משרע"ה.**

**די פיר נשמות זענען געווען די נשמות פון רבן שמעון בן יוחאי, דער אר"י הק', דער בעל שם טוב הק', און דער ריזשינער.**

**דאס איז דער פשט אינעם פסוק "עלית למרום שבית שבי" ווען משה רבינו איז ארויפגעגאנגען אין הימל, האט ער געפאנגען די נשמות פון שבי, וואס איז ראשי תיבות ש'מעון ב'ן י'וחאי. י'צחק ב'ן ש'למה, י'שראל ב'על ש'ם, י'שראל ב'ן שלום.**

**דאס איז געווען זיין הייליגע כוונה מיט די ווערטער "וואס פארא פנים וואלט איך ווען געהאט ווען איך הייס ווען פייוויש..."**

◈

## כופר הכל פטור משבועו"ת

**דעם חתם סופר איז אויסגעקומען איינמאל שבועות צו באזוכן אין שטוב פון איינעם פון די משכילים וואס האבן געוואוינט אין פרעשבורג, און דער חתם סופר האט געזעהן אז ער האט ארומגעלייגט בלומען און גראזן אין זיין הויז ווי מען פירט זיך ביי אלע ערליכע אידן.**

**מיט א יאר שפעטער איז דער חתם סופר ווידער געווען ביי יענעם אין שטוב און ער זעהט ווי יענער האט שוין נישט געלייגט די בלומען, אדרבא, ער האט זיך ארומגעדרייט און אפגעשפעט פון די מנהגי ישראל.**

**האט זיך דער חתם סופר אנגערופן "יא יא, איך מיין אז דו ביסט גערעכט על פי הלכה", יענער האט זיך זייער געוואונדערט צו הערן די ווערטער אז דער חתם סופר גיט אים גערעכט, האט אים דער חתם סופר געזאגט "איך וועל דיר ערקלערן מיינע ווערטער, פאראיאר ביסטו נאך געווען א "מודה במקצת" ביסט נאכנישט געווען אזא רשע ווי יעצט, איז די הלכה אז א מודה במקצת איז חייב 'בשבועות' (צו שווערן), היי יאר ביסטו שוין א "כופר הכל" דו לייקענסט שוין אין די גאנצע תורה, און א כופר הכל איז פטור משבועות"...)**

לויט דעם ווערט שווער ווי אזוי האט בועז געזאגט **ה׳ עמכם**, אפשר וועט ער שטארבן נאכן שם, אבער באמת דאס איז נישט קיין קשיא ווייל חז״ל זאגן אז **"מי שמקדים שלום מאריכין לו ימיו ושנותיו"**, ממילא בועז וואס ער האט פריער געגריסט האט נישט געדארפט מורא האבן אז ער וועט שטארבן, משא״כ זיינע ארבעטער וואס דארפן יא מורא האבן, ווייל זיי האבן נישט מקדים שלום געווען, האבן טאקע געזאגט **יברכך ה׳**.

# קרעפל פשט׳ל

דער **ייטב לב זי״ע** זאגט א טעם ע״ד פלפול פארוואס מ׳עסט שבועות קודם מילכיגע מאכלים און דערנאך פליישיגע מאכלים.

עס שטייט אין **מדרש** ווען משה רבינו איז ארויפגעקומען אין הימל האבן אים די מלאכים געוואלט טשעפענען, האט דער אייבערשטער אויסגעמאלן זיין צורה אזוי ווי אברהם אבינו, און ער האט געפרעגט איז ער נישט דער וואס איר זענט געווען ביי אים אין שטוב און דארט געגעסן? האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משרע״ה **לא נתנה לך תורה אלא בזכות אברהם**, די גאנצע תורה האסטו באקומען אין זכות פון אאע״ה.

מ׳קען מסביר זיין דעם מדרש לויט דעם וואס **תוספות** איז מסביר די גמרא (עירובין כ״ח ע״ב) קיים אאע״ה כל התורה כולה אפילו עירובי תבשילין, מיינט אז ער איז געווען נזהר נישט אויסצומישן מילכיגס מיט פליישיגס, אזוי ווי דער פסוק זאגט קודם **ויקח חמאה וחלב**, און נאכדעם **ואת הבקר אשר עשה**.

מיט דעם ווערט געברענגט אין **שו״ת חתם סופר** אז דער חידוש איז כאטש א בן נח טאר נישט עסן אבר מן החי, און מילך איז דאך אבר מן החי, ווייל עס קומט פון א לעבעדיגע בהמה, הערשט נאך מתן תורה ווען די תורה האט גע׳אסר׳ט צו עסן דוקא בשר בחלב, איז דאך משמע אז חלב אליין איז יא מותר, האט מען געמעגט טרינקען מילך, און אויב אברהם אבינו האט געגעבן צו עסן חמאה וחלב פאר די מלאכים מוז זיין אז ער איז געווען אזוי דבוק אין די תורה אז ער האט שוין נישט געהאט קיין דין בן נח אפילו לקולא, אז ער האט געמעגט מקיל זיין אין זאכן וואס נאר אידן האבן געמעגט מקיל זיין נאך מתן תורה.

איי, אפשר איז די מילך געקומען פון א בהמה שחוטה, וואס נאכן שחט׳ן גייט שוין נישט אן דער איסור אבמה״ח, ממילא איז נישט קיין ראי׳ אז אאע״ה האט שוין געהאט א דין ישראל פאר מ״ת. אבער פון דעם וואס די גמ׳ זאגט אז ער איז געווען נזהר אין עירובי תבשילין נישט אויסצומישן בשר בחלב, איז געדרינגען אז די מילך איז געקומען פון א לעבעדיגע בהמה, ווייל ביי א גע׳שחט׳ענע בהמה איז שוין נישטא דער איסור בשר בחלב מה״ת.

די גמ׳ זאגט אין מס׳ **פסחים** (דף פ״ח ע״א) אז א קנעכט וואס איז חציו עבד וחציו בן חורין, איז מחויב עולה רגל זיין אזוי ווי אלע אידן, און זיין קרבן ווערט נישט חולין בעזרה, ווייל איך קוק ע״ש העתיד אז ער וועט ווערן באפרייט, ווייל בי״ד וועט מוזן צווינגען דעם צווייטן הער אז ער זאל אים באפרייען.

אויב אזוי קען זיין אז כלל ישראל האט אויך געהאט א דין ישראל פאר מ״ת ע״ש העתיד, און וויבאלד זיי האבן געזאגט נעשה ונשמע און מקבל געווען די תורה ברצון גמור, און נאכדערצו האט השי״ת ארויפגעלייגט אויף זיי דעם בארג און געוויזן אז ער קען זיי צווינגען צו נעמען די תורה, האבן זיי שוין א דין ישראל, און זיי קענען עסן מילכיגס פאר מ״ת.

תוספות זאגט אין מס׳ חגיגה (דף ד׳) אז ווען א שור מועד האט גע׳הרג׳עט דעם חציו עבד וחציו בן חורין, באצאלט מען דרייסיג שקלים אזוי ווי מען הרג׳עט אן עבד כנעני, ווייל ער איז נאך באמת משועבד פאר זיין הער. איי ער האט שוין א דין ווי א באפרייטער לגבי עולה רגל זיין, אבער וויבאלד למעשה איז ער גע׳הרג׳עט געווארן איידער מ׳האט אים באפרייט, איז ער דאך מער נישט עומד להשתחרר, איז למפרע צוריק געווארן דינו כעבד.

קומט דאך אויס די זעלבע זאך דא, אויב למעשה וועלן די אידן נישט מקבל זיין די תורה, וועט למפרע צוריק ווערן אז זיי האבן א דין בני נח, און עס וועט צוריק ווערן אן איסור דאס וואס די מלאכים האבן געגעסן מילכיגס ביי אברהם אבינו אין שטוב.

דאס האט זיי דער אייבערשטער געזאגט **לא זהו שירדתם אצלו ואכלתם בתוך ביתו**, קודם **חמאה וחלב**, מילכיגס, און נאכדעם בן **הבקר**, און פון דעם וואס אברהם אבינו האט אזוי מקפיד געווען דערויף נישט אויסצומישן, איז דאך א סימן אז דאס איז נישט געווען פון קיין **בהמה שחוטה** נאר פון חי׳, ווייל ביי **שחוטה** דארף מען נישט מקפיד זיין אויף **עירובי תבשילין**, און אויב וועט איר נישט לאזן נעמען די תורה האט איר דאך נישט געמעגט עסן די **אבר מן החי**, דאס האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו **לא נתנה לך תורה אלא בזכות אברהם**, ווייל ער האט געגעבן בשר בחלב, וואס איז אסור פאר א בן נח, קענען די מלאכים נישט צוריק האלטן די קבלת התורה.

מהאי טעמא פירט מען זיך צו עסן שבועות א מילכיגע סעודה און נאכדעם א פליישיגע סעודה, ווייל נאר דורכדעם האבן מיר זוכה געווען צו באקומען די תורה.

# הלכות וטעמים לחג השבועות

מלוקט מפי ספרים וסופרים

## ראש חודש - שלשת ימי הגבלה

פון ראש חודש סיון זאגט מען נישט קיין תחנון ביז י"ג סיון (מג"א סי' קל"א ס"ק י"ח).

דער צווייטער טאג אין חודש סיון ווערט אנגערופן "יום המיוחס" ווייל אין דעם טאג האט השי"ת געזאגט פאר משה רבינו ע"ה די פרשה פון "והיתם לי סגולה מכל העמים" און דעמאלטס זענען די אידישע קינדער געווארן 'מיוחסים' איבער אלע אנדערע פעלקער.

דריי טעג פאר שבועות ווערן אנגערופן שלשת ימי הגבלה, וואס אין יענע דריי טעג פאר מתן תורה האבן זיך אידישע קינדער אפגעשיידט פון אלע אומריינע זאכן, און זיך צוגעגרייט צו קבלת התורה.

עס איז א מצוה זיך אפצושערן די האר פון קאפ ערב יום טוב, כדי ער זאל נישט אריינגיין אינעם יו"ט מיט גרויסע האר וואס דאס איז מיאוס (שו"ע הרב סי' תקכ"ט ס"א).

## גראזן און בלומען

עס איז א מנהג צו לייגןביימער אין די בתי מדרשים אלס זכר צו וויזן אז שבועות משפט מען די ביימער, און אז מען זאל בעטן אויף גוטע פירות, וועגן דעם לייגט מען דאס אין בית המדרש דארט וואו מען דאווענט (מג"א סק"ה, שועה"ר סט"ו).

עס איז א מנהג צו לייגן גראז מיט בלומען אין די בתי מדרשים און די הייזער אלס זכר צו וויזן אז אויפן בארג סיני איז געווען גראזן מיט בלומען. ווייל ווען דער אייבערשטער האט אראפגענידערט אויפן בארג סיני צו געבן די תורה, האט אנגעהויבן צו וואקסן אויפן בארג שמעקעדיגע בלומען און גראז (אבני המקום–אות ל"ב). אויך די ספר תורה טוט מען באצירן מיט בלומען (בני יששכר מאמרי חו' סיון מאמר ד' אות ז').

עס ווערט געברענגט נאך א טעם פארוואס מען לייגט גראז אין בית המדרש, ווייל משה רבינו איז געבוירן ז' אדר, ווען ער איז אלט געווען דריי חדשים, דאס איז ז' סיון, שטייט אין פסוק 'ותשם בסוף על שפת היאור', אז מען האט אים געלייגט צווישן די הויכע גראז ביים בארטן פון טייך, וואס א דאנק דעם איז משה רבינו ניצול געווארן און מיר האבן זוכה געווען צו קבלת התורה, ולזכר צו דעם לייגט מען גראז אין ביהמ"ד.

## מעריב

אפילו די וואס זענען נישט מקפיד א גאנץ יאר צו דאווענען מעריב נאכן זמן פון ר"ת, אבער שבועות ביינאכט דאווענען זיי אויך שפעטער, כדי עס זאל זיכער זיין שבע שבתות "תמימות", זיבן גאנצע וואכן פון ספירה (שועה"ר סי' תפ"ח ס"ב).

## תיקון ליל שבועות

שבועות ביינאכט פירט מען זיך אז מען איז אויף א גאנצע נאכט, און מען זאגט תיקון ליל שבועות. דער טעם איז ווייל ביי מתן תורה זענען די אידן פארשלאפן און השי"ת האט געווארט ביים בארג סיני ביז זיי זענען אנגעקומען, כדי דאס מתקן צו זיין זענען מיר אויף א גאנצע נאכט. עס זענען דא וואס פירן זיך צו לערנען שבועות ביינאכט מסכת ביכורים, וואס דורכדעם קען מען מקיים זיין מצות ביכורים היינטיגע צייטן אויך (ליקוטי צבי).

עס שטייט אין זוהר הק' אז די חסידים הראשונים האבן א גאנצע נאכט געלערנט תורה. אין חסידי'ישע ספרים ווערט ארומגערעדט איבער דאס חשיבות פון נישט רעדן קיין שום דברים בטלים, פון ווען מען זאגט "ברכו" ביי מעריב, ביז אינדערפרי ביי מוסף ביז נאך "כתר".

ווער עס שלאפט נישט די גאנצע נאכט, איז פארזיכערט אז ער וועט דורך לעבן דאס יאר בשלום, און עס וועט אים נישט געשען קיין שאדן (שו"ע האר"י ז"ל).

## אהבה רבה

מען האט מגלה געווען פארן הייליגן בעל שם טוב זי"ע אז די סיבה פארוואס משיח צדקינו איז נאכנישט געקומען איז ווייל מען זאגט אהבה רבה זייער שנעל, און מען האט נישט אינזינען די ריכטיגע כונה (ספה"ק תולדות יעקב יוסף פר' ויקהל).

דעריבער איז דער יום טוב שבועות דער זמן פון קבלת התורה די צייט אז מען זאל מתפלל זיין און שטארק אינזין האבן ביי 'אהבה רבה' אז דער אייבערשטער זאל באלייכטן די אויגן מיט די תורה הק'.

ביי רבותינו הק' זי"ע האט מען ביי "אהבה רבה" מאריך געווען גאר לאנג מיט א גרויס התעוררות, זינגענדיג דעם באקאנטן "אהבה רבה ניגון" פון הרה"ק רבי ר' הערש פון רימאנוב זי"ע.

אויסער דעם שטייט אין ספרים הק' אז שבועות איז א שטארקע עת רצון וואס מען קען אסאך אויסבעטן, באזונדער צו פארשטיין די הייליגע תורה, און צו זיין אן אמת'ער ערליכער איד, זאל השי"ת מקבל זיין אונזערע תפילות ברחמים וברצון.

## אקדמות

עס איז איינגעפירט בכל תפוצות ישראל אז שבועות פארן ליינען זאגט מען בציבור 'אקדמות' פסוק בפסוק, ווי עס ווערט ארויסגעברענגט אין מורא'דיגע ווערטער דאס חשיבות פון כלל ישראל קעגן די גוים ווען זיי זענען דבוק אין באשעפער און אין די תורה.

## מאכלי חלב

שבועות אינדערפרי עסט מען א מילכיגע סעודה, נאך איידער מען וואשט זיך צו די יום טוב'דיגע סעודה (רמ"א) מיט א הפסק פון א האלבע שעה אינצווישן.

מ'דארף אינזין האבן צו לייגן א אנדערע טישטוך צו די פליישיגע סעודה (מ"ב ס"ק ט"ז). אויך דארף מען זיך גוט אויסגעשווענקן דאס מויל כדי ס'זאל נישט בלייבן קיין שיריים פון די מילכיגס צווישן די ציין.

## מגילת רות - תהלים

ס'שטייט אין ירושלמי (חגיגה פ"ב ה"ג) אז דוד המלך איז נפטר געווארן שבועות, די גמרא זאגט (ראש השנה דף י"א ע"ב) אז צדיקים שטארבן אינעם זעלבן טאג וואס זיי זענען געבוירן, וועגן דעם ליינט מען אין דעם טאג מגילת רות, ווייל דארט ווערט אויסגערעכנט דער יחוס פון דוד המלך (בני יששכר).

מ'פירט זיך אויסצוזאגן גאנץ תהלים אין שבועות, ווייל עס איז די יארצייט פון דוד המלך ע"ה.

# עולת שבת בשבתו

## מילי דשמעתתא

לקשר לימוד מס׳ קידושין עם זמן מתן תורתינו הק׳

אין ספר **מעשה רוקח** (לשבועות) שטייט א ענין נפלא וואס טוט פארבינדן דעם יו״ט שבועות זמן מתן תורתינו, מיט מס׳ קידושין אין וואס מיר זענען עוסק. ווי פאלגענד:

דער יסוד פון מסכת קידושין טוט באדייטן די קידושין וואס דער רבש״ע האט מקדש געווען אידישע קינדער אלס זיין פאלק. און ווי דער **בעל הטורים** זאגט (יתרו) אז השי״ת האט מקדש געווען כלל ישראל מיט אלע דריי דרכי קידושין. **בכסף**, ביזת מצרים. **שטר**, די תורה הקדושה. **ביאה**, דאס וואס השי״ת האט געמאכט רועהן זיין שכינה צווישן אידישע קינדער.

זאגט דער **מעשה רוקח** אז דאס איז דער טעם פארוואס די מסכת הייבט זיך אן מיט די ווערטער **האשה** מיטן ה״א הידיעה, ווייל דאס גייט ארויף אויפן כנסת ישראל, וואס איז נקנית צו הקב״ה מיט שלשה דרכים, און וועגן דעם שטייט טאקע נישט באחת משלש דרכים ווי עס וואלט געדארפט שטיין בפשטות ווייל בעלמא איז מען דאך קונה א פרוי מיט איינע פון די דרכי קידושין, ווייל הקב״ה האט טאקע קונה געווען כלל ישראל בשלש דרכים מיט אלע דריי דרכי קידושין.

זאגט ער וויטער א וואונדערליכן רמז אז די ר״ת פון די 4 פרקים אין מס׳ קידושין **האשה נקנית, האיש מקדש, האומר, עשרה יוחסין**, באטרעפט **פ״ה**, די זעלבע צאל ווי דאס ווארט **אנכי** מיט די פיר אותיות וואס באטרעפט פ״ה.

נאך א הערליכן רמז איז דא באהאלטן אין די משנה, וואס צייגט אויפן שייכות פון מס׳ קידושין מיט מתן תורה, ווייל עס איז באקאנט פון ספה״ק אז אין די לוחות הק׳ אין אנכי ה׳ אלקיך איז מרומז אלע סודות התורה, אלע צירופי שמות. עס זענען דא דריי סארט מילואים פון שם א-ה-י-ה, און פיר סארט מילואים אויפן שם י-ה-ו-ה. ווי פאלגענד:

א. אלף הי יוד הי – בגימ׳ קסא
ב. אלף הה יוד הה – בגימ׳ קנא
ג. אלף הא יוד הא – בגימ׳ קמג – סך הכל: תנ״ה
ד. יוד הי ויו הי – בגימ׳ עב
ה. יוד הי ואו הי – בגימ׳ סג
ו. יוד הא ואו הא – בגימ׳ מה
ז. יוד הה וו הה – בגימ׳ בן – סך הכל: רל״ב

## יש שישים ריבוא אותיות לתורה

**שהיו סופרים כל אותיות שבתורה:**

מיר האבן געלערנט אין די גמרא **למה נקראו ראשונים סופרים, שהיו סופרים כל אותיות שבתורה.**

א דבר פלא שטייט אין **זוהר חדש** (שה״ש דף כ״ד) אז עס זענען דא זעקס הונדערט טויזענט אותיות אין די תורה, און קעגן דעם איז דא זעקס הונדערט טויזענט נשמות פון אידישע קינדער, און יעדע אידישע נשמה איז אנגעקניפט אין א אות אין די תורה.

דער **מגלה עמוקות** (אופן קפ״ו) זאגט א שיינעם רמז דערויף אז **ישרא״ל** איז ר״ת **י׳ש ש׳ישים ר׳יבוא א׳ותיות ל׳תורה**. אזוי אויך זאגט דער **בעש״ט הק׳ זי״ע** א שיינעם רמז אינעם פסוק כי תשא את ראש בני ישראל לפקודיהם, **כי תשא**, אז דו וועסט ציילן, **את**, איז ר״ת **א׳ותיות ת׳ורה**, **ראש** איז ר״ת **ש׳ישים ר׳יבוא א׳ותיות**, דעמאלטס **לפקודיהם** וועסטו קענען ציילן די אידן, ווייל דער מספר פון אידישע קינדער גייט אינאיינעם מיטן מספר אותיות שבתורה.

אבער דער **פני יהושע** דא אין קידושין פרעגט אז לכאורה שטימט עס נישט, ווייל עס מען ציילט איבער דעם מספר האותיות זעהט מען אז עס איז בלויז דא עפעס מער ווי ל׳ ריבוא, עפעס מער ווי די העלפט פון דעם מספר?

זאגט דער **פני יהושע** עטליכע שיינע תירוצים:

א) יעדע אות ווערט גערעכנט פאר צוויי אותיות, איינס איז דער אות גופא, און דאס צווייטע איז די נקודה, און די אותיות וואס האבן נישט קיין נקודה, ווערן נאר גערעכנט ווי איינס, אזוי קומט מען אן דער צאל צו שישים ריבוא.

ב) אויסער די אותיות שבתורה רעכנט מען אויך די אותיות פון תרגום אונקלוס וואס איז אויך געגעבן געווארן למשה מסיני.

ג) די תורה איז געגעבן געווארן אין א בחינה וואס יעדע ווארט האט אין זיך טאפעלט, ווי עס שטייט אז די לוחות זענען געווען ״**מזה ומזה הם כתובים**״, דעריבער קומט דאס טאקע אן צו א חשבון פון שישים ריבוא.

ד) דער פני **יהושע** ברענגט נאך א שיינעם תירוץ, אז יעדע אות האט צוויי קדושות, עס איז דא די קדושת פון די קריאה, ווי אזוי מען ליינט דאס ווארט, און ווי אזוי מען זאגט דאס ארויס, און עס איז דא די קדושת הכתיבה ווי אזוי דאס איז געשריבן. ווי מיר ווייסן פון די גמרא אז יש אם למקרא ויש אם למסורת. דעריבער קען מען דאך רעכענען יעדעס ווארט דאפעלט, אבער וויבאלד ביים ליינען זענען דא אותיות וואס מען דערקענט נישט זייער הברה נאר ביים שרייבן, דעריבער קען זיין אז עס זענען טאקע דא ס׳ ריבוא.

ה) דער **ברעזשאנער רב** זצ״ל אין **תכלת מרדכי** (פר׳ במדבר)

סך הכל פון די מילואים פוןביידע שמות איז תרפ"ז – 687

די דריי אופני הקנין **כסף שטר ביאה** איז אויך בגימ' 687 וואס דאס צייגט אז ביי מתן תורה האט השי"ת קונה געווען כלל ישראל מיט די דריי אופני קנין.

זאגט דער **מעשי רוקח** ווייטער דעם הערליכן רמז אז די משנה זאגט האשה נקנית, און ווי די גמרא זאגט אויף דף ב' ע"ב, **מדעתה אין בעכ"ח לא**, כדי מ'זאל נישט זאגן אז השי"ת האט מקדש געווען כלל ישראל בעכ"ח ווייל ער האט כופה געווען הר כגיגית, ווייל באמת האבן דאך אידישע קינדער געזאגט נעשה ונשמע פון זייער אייגענעם גוטן ווילן.

קומט אויס אז דער גאנצער יסוד פון מסכת קידושין איז געשטעלט אויפן יסוד פון מתן תורה ווי אזוי דער רבש"ע האט מקדש געווען דאס כלל ישראל.

ענטפערט אז דער ליידיגער פארמעט ארום די אותיות שבתורה דאס ווערט אויך גערעכענט פון די תורה. און די צדיקים ובני עליי זיי זענען א טייל פון די אותיות התורה, און די ריקנים שבישראל זיי זענען דבוק אינעם גליון ארום די אותיות.

ו) דער **לבוש** זאגט א אנדערע אינטערעסאנטע מהלך, ווייל עס איז באקאנט אז פארשידענע אותיות ווערן באטראכט ווי עטליכע אותיות וויבאלד זיי זענען צוזאמען געשטעלט פון עטליכע אותיות, למשל א א' האט אין זיך א ו' און צוויי י', א ב' האט צוויי ו', ממילא אויב רעכענט מען אויך די סארט אותיות קען דאס אויסקומען ס' ריבוא.

ז) דער **תניא** (ליקוטי תורה בהר) זאגט אז די נקודות פון די ווערטער קומען אנשטאט אותיות, ווי א פתח קומט אנשטאט א אל"ף, א חיריק אנשטאט א יו"ד, א חולם און א שורוק אנשטאט א וא"ו, און אז מען וועט צורעכענען אלע אותיות וואס וואלטן געדארפט שטיין אנשטאט די נקודות וועט דאס אויסקומען ס' ריבוא.

# בדינא דבר מיצרא

די גמרא אין מס' שבת (דף פ"ח) דערציילט **בשעה שעלה משה למרום אמרו מלאכי השרת לפני הקב"ה תנה הודך על השמים**. שטייט אין ספר **חן טוב** אז די מלאכים זענען געקומען צו גיין מיט א טענה פון **דינא דבר מיצרא**, ווייל די גמרא זאגט אין מס' בבא מציעא (דף ק"ח ע"א) אז ווען א מענטש פארקויפט א געוויסע זאך דארף ער דאס קודם פארקויפן פארן שכן, און דא זענען דאך די מלאכים געווען שכנים, דארף מען דאך פארשטיין פארוואס האט מען נישט געגעבן די תורה פאר זיי?

א) דער **אלגזי** אין ס' **שמע יעקב** זאגט לויט ווי מיר האבן געלערנט (דף כ"ו ע"א תודי"ה ולמה כתב בלשון מכר) **אז די הלכה איז נאר ביי א מכר**, משא"כ ביי א מתנה גייט נישט אן די דינא פון בר מיצרא, און די תורה איז דאך א מתנה ווי דער פסוק זאגט **כי לקח טוב נתת"י לכם,** דעריבער האבן דאס אידישע קינדער געקענט מקבל זיין.

ב) נאך ענטפערט דער **שמע יעקב** אז דער **בית יוסף** זאגט **בשם הר"ן** (חו"מ סי' קע"ה) אז ביי א קרוב גייט נישט אן די הלכה, און מען מעג פארקויפן פאר א קרוב אפי' ווען עס איז דא א שכן, איז דאך א כ"ש כלל ישראל וואס זענען בנים למקום אז זיי זענען פריער ווי די מלאכים.

ג) א דריטע תירוץ זאגט דער **שמע יעקב** אז די הלכה איז אז דארט ווי דער **מוכר** האט א **פסידא** אויב ער וועט דאס פארקויפן פארן בר מיצרא, און ער וועט מער רווח האבן ווען ער וועט דאס פארקויפן פאר אנדערע, דעמאלטס גייט נישט אן דער דין, און דא קענען דאך די מלאכים נישט מקיים זיין די תורה בפשטות, נאר די סודות התורה, האט דאך כביכול א שאדן מיט דעם וואס ער גיט פאר זיי די תורה דעריבער מעג ער עס יא געבן פאר כלל ישראל.

ד) באופן אחר זאגט ער א שיינעם תירוץ ווייל די גמרא זאגט דארט אין מס' בבא מציעא, **ארעא לבתי וארעא לזרעא ישוב עדיף**, אויב איינער וויל אנזייען תבואה און איינער וויל בויען הייזער אז מענטשן זאלן קענען וואוינען, האט ער א דין קדימה אפצוקויפן דאס פלאץ, און וויבאלד מיט דעם וואס אידן נעמען די תורה האלט זיך די וועלט, ווייל ווען נישט וואלט דאך די וועלט חרוב געווארן, האבן זיי א דין קדימה פאר די מלאכים.

ה) נאך א שיינעם תירוץ זאגט דער **אלגאזי** ווייל די גמרא זאגט אז ביי **מכרה לבעלים הראשונים לית בה משום דינא דבר מיצרא**, אויב מען פארקויפט דאס צוריק צום ערשטן בעה"ב וואס ער האט דאס געהאט פריער, זאג איך נישט אז א בר מיצרא קומט פריער, און דער **בית יוסף** זאגט אז די זעלבע הלכה איז אויך ווען מ'פארקויפט עס פאר די קינדער פון ערשטן בעה"ב, מילא וויבאלד די אבות הק' האבן דאך געהיטן די תורה, האט כלל ישראל א דין ווי בעלים הראשונים.

ו) באופן אחר קען זיין לויט ווי די גמרא זאגט אז ביי א שותף איז נישטא קיין דינא דבר מיצרא, און וויבאלד לגבי געוויסע מצות ווי שמירת שבת, און פסק'ענען משפט צדק האבן אידן א דין ווי א שותף למעשה בראשית, האבן זיי געמעגט מקבל זיין די תורה.

ז) דער **חיד"א** (ראש דוד פר' יתרו) זאגט אז די עשרת הדברות זענען געווען קידושין פאר כלל ישראל, ווי איינער וואס איז מקדש בשטר, און ביי קידושין איז נישט שייך קיין דינא דבר מיצרא.

(נלקט מספר היקר והנחמד "ברכת התורה")

# עולת שבת בשבתו

# ברכת כהנים

מיר לערנען די וואך אין די סדרה די מצוה פון ברכת כהנים אז די כהנים זאלן בענטשן אידישע קינדער, אין די פארגאנגענע טעג פון יום טוב שבועות האבן מיר טאקע מקיים געווען די מצוה ווען די כהנים האבן גע׳דוכנ׳ט און געבענטשט דעם כלל ישראל מיט די ברכה פון ״יברכך, יאר, ישא״.

בשעת ברכת כהנים זאגט מען א ״יהי רצון״ וואס צווישן דעם זאגט מען די ווערטער ולמען טהרת שמך הגדול הגבור והנורא, בן עשרים ושתים אותיות היוצאים מהפסוקים של ברכת כהנים (אנקת״ם פסת״ם פספסי״ם דיונסי״ם) האמורה מפי אהרן ובניו עם קדושיך.

אט די פיר שמות זענען מסוגל צו פועל׳ן ישועות, ווי פאלגענד: דער שם אנקתם, איז צוויי ווערטער אנקת תם, וואס דאס איז מסוגל אז די תפילות זאלן אנגענומען ווערן.

דער שם פסתם איז פון לשון נותן פיסת בר, וואס איז מסוגל פאר פרנסה.

דער שם פספסים איז א לשון פון כתנת פסים וואס איז מסוגל אז מ׳זאל האבן מלבושים אנצוטון.

דער פערטע שם דיונסים איז א לשון פון עושה נסים.

אט די בקשה זאגט מען אינעם יהי רצון: אנקת יעקב תמימך הנקרא איש תם, פסת לחם לאכול וכו׳ יוסף הצדיק בשעה שהלבישו אביו כתנת פסים, ותעשה עמדי נפלאות ונסים לטובה אות וכו׳.

דער עטרת זקנים (סימן ק״ל) ברענגט אז עס איז ריכטיג בשעת ווען דער שליח ציבור זאגט אלקינו ואלקי אבותינו וכו׳ זאל מען זאגן דעם שם פון כ״ב אותיות ווי פאלגענד: א-ל נא קרב תשועת מצפך, פחדיך סר תוציאם ממאסר פדה סועים פתח סומים ישעיך מצפים דלה יוקשים וקבץ נפוצים סמוך י׳ מפלתינו, ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד.

וואו זענען די שמות מרומז אין ברכת כהנים?

צום ערשטן וועלן מיר אראפשטעלן פינף וועגן וואס חזל שטעלן אראפ ווי אזוי מען קען אויפטוישן אותיות איינע מיט די אנדערע וואס דאס ווערט אנגערופן א״ב-ג״ד, א״ת-ב״ש, א״ל-ב״ם, אח״ס-בט״ע, אי״ק-בכ״ר, ווי פאלגענד:

| אב-גד | |
|---|---|
| א | ב |
| ג | ד |
| ה | ו |
| ז | ח |
| ט | י |
| כ | ל |
| מ | נ |
| ס | ע |
| פ | צ |
| ק | ר |
| ש | ת |

| את-בש | |
|---|---|
| א | ת |
| ב | ש |
| ג | ר |
| ד | ק |
| ה | צ |
| ו | פ |
| ז | ע |
| ח | ס |
| ט | נ |
| י | מ |
| כ | ל |

| אל-בם | |
|---|---|
| א | ל |
| ב | מ |
| ג | נ |
| ד | ס |
| ה | ע |
| ו | פ |
| ז | צ |
| ח | ק |
| ט | ר |
| י | ש |
| כ | ת |

| אחס-בטע | | |
|---|---|---|
| א | ח | ס |
| ב | ט | ע |
| ג | י | פ |
| ד | כ | צ |
| ה | ל | ק |
| ו | מ | ר |
| ז | נ | שת |

| איק-בכר | | |
|---|---|---|
| א | י | ק |
| ב | כ | ר |
| ג | ל | ש |
| ד | מ | ת |
| ה | נ | ך |
| ו | ס | ם |
| ז | ע | ן |
| ח | פ | ף |
| ט | צ | ץ |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| י | ווערט אויפגעטוישט מיט | א | לויט **איק-בכר** | א |
| ב | ווערט אויפגעטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | ט | דער **ט׳** ווערט געטוישט לויט **את-בש** מיט | נ |
| ר | ווערט אויפגעטוישט מיט | ק | לויט **אב-גד** | ק |
| כ | ווערט אויפגעטוישט מיט | ת | לויט **אל-בם** | ת |
| ך | ווערט אויפגעטוישט לויט **אל-בם** מיט | ת | דער **ת׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ם |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| י | ווערט אויפגעטוישט מיט | פ | לויט **אחס-בטע** | פ |
| ה | ווערט אויפגעטוישט לויט **אב-גד** מיט | ו | דער **ו׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ס |
| ו | ווערט אויפגעטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | מ | דער **מ׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ת |
| ה | ווערט אויפגעטוישט לויט **אב-גד** מיט | ו | דער **ו׳** ווערט געטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | ם |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| ו | ווערט אויפגעטוישט מיט | פ | לויט **אל-בם** | פ |
| י | ווערט אויפגעטוישט לויט **את-בש** מיט | מ | דער **מ׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ס |
| ש | ווערט אויפגעטוישט לויט **אל-בם** מיט | י | דער **י׳** ווערט געטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | פ |
| מ | ווערט אויפגעטוישט מיט | ס | לויט **אי״ק-בכר** | ס |
| ר | ווערט אויפגעטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | מ | דער **מ׳** ווערט געטוישט לויט **את-בש** מיט | י |
| ך | ווערט אויפגעטוישט לויט **אל-בם** מיט | ת | דער **ת׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ם |

| | | | | |
|---|---|---|---|---|
| י | ווערט אויפגעטוישט לויט **את-בש** מיט | מ | דער **מ׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ד |
| א | ווערט אויפגעטוישט מיט | י | לויט **אי״ק-בכר** | י |
| ר | ווערט אויפגעטוישט מיט | ו | לויט **אחס-בטע** | ו |
| י | ווערט אויפגעטוישט לויט **אב-גד** מיט | ט | דער **ט׳** ווערט געטוישט לויט **את-בש** מיט | נ |
| ה | ווערט אויפגעטוישט לויט **אב-גד** מיט | ו | דער **ו׳** ווערט געטוישט לויט **איק-בכר** מיט | ס |
| ו | ווערט אויפגעטוישט לויט **את-בש** מיט | פ | דער **פ׳** ווערט געטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | י |
| ה | ווערט אויפגעטוישט לויט **אב-גד** מיט | ו | דער ו׳ ווערט געטוישט לויט **אחס-בטע** מיט | ם |